United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove



# אָפּענער בריוו און קריטישע אויפפאָדערונג

**צו ידידינו אנשי שלומינו, תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה, הע"י**

בס"ד, ראש חודש חשון תשפ"ג

שטייענדיג בעפאָר דעם קומענדיגן "עלעקשאָנס דעי" אין ניו יאָרק, ג' וירא הבעל"ט, נאָוועמבער 8 למספרם, קומען מיר צו אייך טייערע שכינים וידידים, **זיך צו אָפנהאַרציג אויסשמועסן, כדבר איש אל רעהו,** אויפ'ן בלומינגראווער שטייגער פון "שמוע בין אחיכם - ותשועה ברוב יועץ", איבער אונזער פליכט און אחריות אין אַזאַ גורל'דיגע מאָמענט.

ס'איז נישט קיין סוד פאר קיינעם אַז אין אונזער ווילעדזש, די ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, איז ברוך השם דא א געוואלדיגער הרחבת גבולי הקדושה מיט אן אויסטערלישע הצלחה וסייעתא דשמיא כה יתן ד' וכה יוסיף, צו דער זעלבער צייט גייט מען אבער אַריבער אַסאַך אָנגעצויגענע סיטואַציעס, **ווען עס פעלט נישט קיין פיינטליכע עלעמענטן מבית ומבחוץ, די שונאי ישראל שאַרפן זיך די ציין ביי יעדע געלעגנהייט און ווילן פאר יעדן פרייז אונטערלייגן פיסלעך פאר דעם הערליכן וואוקס און בליה פון בלומינגראוו.**

מיר מוזן דערפאַר זייער וויכטיג אָנקומען צו נאָנטע באַציאונגען און פאַרשטענדעניש מיט די לאָקאַלע און סטעיט באַאַמטע וועלכע זאלן זיין גרייט אונז אַרויסצוהעלפן על כל צרה שלא תבוא, אַזוי ווי מען האָט זיך שוין איבערצייגט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

■ ■ ■

## ולמדינות בו יאמר

**די יעצטיגע וואלן זענען גאר קאנסעקווענציאל און ועלן בלי שום ספק האבן גאר ווייטגרייכנדע תוצאות לטב ולמוטב אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר, סיי פון א פאליטישן שטאנדפונקט, דהיינו אויף פעדעראלע, סטעיט, קאונטי און שטאפלען אראפציר, און סיי בכמות ובאיכות, ברוחניות ובגשמיות.**

אין צוגאָב האָט די היי - יאָריגע וואַלן אַ קריטישן באַדייט, אויך פאר אַזעלכע וועלכע נעמען געווענליך נישט אַנטייל אין דעם פּאָליטישן עלעקשאָנס פּראָצעדור. אין אַ **צייט וואָס אונזער טייערסטע און הייליגסטע, דער צוקונפט פונעם חינוך פון אונזערע לעכטיגע צאן קדשים, שטייט אויפ'ן וואָגשאָל** און באַאומרואיגט יעדן איד החרד והירא את דבר ה'.

ווי פאַרשטענדליך איז דאָס אונזער ערשטע און צענטראַלע פּראָיאַריאַטעט, בעפאָר אַלע אַנדערע אישוס, ווייל פאַר אונז חרדי'שע אידן איז נישט פאַרהאַן קיין שום אַנדערע זאַך אויף דער וועלט וואָס איז וויכטיגער ווי דעם עתיד פון אונזערע הייליגע דורות על דרך ישראל סבא ואשריך שנתפסת על דברי תורה.

אָט דערפאַר איז אַ זמן גרמא זיך צו אויסשמועסן מיט'ן ציבור תושבי העיר, איבער אונזער ריכטיגע צוגאַנג וואָס פאָדערט זיך אין אַזאַ צייט.

■ ■ ■

**די יעצטיגע וואלן זענען גאר קאנסעקווענציאל און וועלן בלי שום ספק האבן גאר ווייטגרייכנדע תוצאות לטב ולמוטב אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר, סיי פון א פאליטישן שטאנדפונקט, דהיינו אויף פעדעראלע, סטעיט, קאונטי און שטאפלען אראפציר, און סיי בכמות ובאיכות, ברוחניות ובגשמיות.**

## או לי אם אומר, ואו לי אם לא אומר

אַצינד שטייען מיר אין אַ סיטואַציע ווען פון איין זייט לויפט די אַמטירנדע גאָווערנאָר, וואָס ברוב סייעתא דשמיא האָבן די היזיגע עסקני העיר ב"ה אָנגעקניפּט זייער גוטע באַציאונגען. השי"ת האָט אַריינגעגעבן פאר אונזער שטאט אַ נשיאת חן בלב שרים ורוזנים מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה.

דאָס איז אַמערסטן געקומען צום אויבערפלאַך דעם פאַרלאָפענעם דעצעמבער למספּרם, ווען **די גאָווערנאָר האָט זיך אָפּגעגעבן צו העלפן אַ קליינע ווילעדזש אין אָפּסטעיט ניו יאָרק, און איז אַרויס פון איר וועג** אונז צו העלפן און צו וועטאָאירן דעם שעדליכן "טעקס פּרעזערוועישן ביל" וואָס די שונאי ישראל האָבן פאָרגעשלאָגן.

די ביל איז דעמאָלט געברענגט געוואָרן צום גאָווערנאָר טישל פאַר אַן אונטערשריפט. דאָס געזעץ באַשטימט אַז אפילו אויב די גאָווערנאָר וואָלט עס געלאָזט ליגן און נישט באַשטעטיגט ביז די נאַכט פון דעצעמבער 31, וואָלט דער ביל אויטאָמאַטיש באַקומען דעם סטאַטוס פון אַ "פּאַקעט וועטאָ" און עס וואָלט נישט אַריבערגעגאַנגען און נישט געווארן באשטעטיגט.

אָבער די גאָווערנאָר האָט זיך נישט באַגעניגט דערמיט, נאר זי האָט געטון אַ דראַמאַטישן שריט. בלויז צוויי טעג פאר דעם ענדע פון דעם יאָר האָט זי בחצי הלילה אַרויסגעצויגן דעם "טעקס פּרעזערוועישן ביל" פון אַ פּאַק פון עטליכע הונדערט אַנדערע בילס און געגעבן איר קלאָרן וועטאָ דערויף, **צו שיקן אַ הילכיגן מעסעדזש פאר די שונאי ישראל אַז ראַסיזם און דיסקרימינאַציע וועט נישט טאָלערירט ווערן** אין ניו יאָרק סטעיט.

געווען איז דאָס אַ זעלטענע אַקט וואָס האָט געשיקט אומגעהויערע שאָק כוואַליעס פאר אונזערע "גוטע פריינד" אין דער אומגעגנט, אַז זייער העצע און שנאה האָט נישט קיין אָרט אין די יעצטיגע סטעיט אַדמיניסטראַציע. דאָס איז למעשה געווען אן אויסטערלישע הילף, סיי פאַר'ן קאָלעקטיוון ציבור, פאַר'ן עתיד פון אונזער גאַנצע געגנט, און סיי אַ פּערזענליכע הילף פאר יעדן איינציגן היים אייגנטומער צו איינשפּארן שטייערן פון יעדן איד וועלכער קויפט אַ הויז אין ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו.

די הערליכע אידישע מדה פון הכרת הטוב איז געוויס אונז עפּעס מחייב והיינו דאמרי אינשי: בירא דשתית מיניה לא תשדי ביה קלא, און נאך סיבות שאין להעלה על הכתב לטובת הענין.

■ ■ ■

## בין תנור לכיריים

פון דער אַנדערער זייט, דאַרפן מיר אבער געוויס קוקן מיט אַ ברייטערן בליק פונעם גאַנצן כלל, אויף די אַנטוויקלונגען וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אויפ'ן פראָנט פון דעם גזירת החינוך אין ניו יאָרק, וואָס קען חלילה אַפעקטירן אונזערע צאן קדשים, הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, וואָס די וועלט שטייט דערויף.

**עס בוזשעווען ליידער בייזע ווינטן וועלכע באַדראָען צו אריינדרונגען אין אונזערע מוסדות התורה היל"ת, צו טוישן די הייליגע מסורה אין חינוך הבנים והבנות המקובל לנו מדור דור,** און חלילה משנה זיין דעם סטרוקטור און די סדרי הלימודים פון וויאַזוי די צדיקים מייסדי החינוך הטהור, ובראשם רבינו הקדוש זי"ע, האָט אַוועקגעשטעלט דעם ריינעם חינוך על אדמת אַמעריקע, בדם לבבו ובמסירת נפשו על אבותינו ועלינו על בנינו ועל דורותינו.

**ס'איז זיכער אָן קיין צווייפל אַז קיין שום אַנדערע טעמעס קען נישט שטיין אין וועג ווען עס האַנדלט זיך פון אַזאַ שרעקליכע שעת חירום, און מיר דאַרפן טון כל מה שביכלתינו צו שיצן דעם חינוך הטהור פון אונזערע קינדערלעך און דורות העתידים.**

אין אַזאַ מאָמענט פאָדערט זיך אַסאַך **שיקול הדעת**, ווען מיר פאַרמאָגן דעם אידישן חיוב פון הכרת הטוב אָבער גלייכצייטיג איז פאַרהאַן מיינונגס פאַרשידנהייטן ביים היימישן ציבור און ביי עסקני הכלל, איבער די פראַגע, **וועלכע קאַנדידאַט וועט זיין בעסער פאר אונזער רוחניות און גשמיות און פאַר'ן חינוך פון אונזערע תשב"ר.**

עס איז א גאר האקעלע שאלה און מיר מוזן זיכער מאכן אז סיי וואסערע שריט עס ווערט נאר געטון איז ענדגילטיג לטובת הציבור ולטובת דעם חינוך הטהור פאר אונזערע הייליגע און טייערע צאן קדשים ותינוקת של בית רבן.

**אָבער טאַקע דערפאַר, איז קריטיש וויכטיג צו אַדרעסירן דעם "גרויסן בילד", אָפּגעזען פאר וועלכן קאַנדידאַט מען וועט למעשה שטימען, דאַרף דער ציבור באַגרייפן אונזער <u>חיוב השתדלות פאר דעם "ויהי ממחרת"</u>** - אַ טאָג נאָך די עלעקשאָנס.

■ ■ ■

## ויהי ממחרת

אַ טאָג נאָך די וואַלן, ווען אַלע גרויסאַרטיגע הבטחות זענען פאַרטיג, איז פאַרהאַן אינגאַנצן איין שפּראַך וואָס דאָס טוט למעשה אַפעקטירן די באַציאונגען פון פּאָליטיקאַנטן צו אונז, נישט קיין חילוק פאר וועמען איר האָט געשטימט און צי יענער האָט טאקע געווינען אדער נישט.

אין די פּאָליטישע וועלט איז דאָ איין וואַלוטע, **איין מטבע עובר לסוחר. דאָס רופט זיך "אַקטיווע ווילער"**. שטים -באַרעכטיגטע בירגער וועלכע גייען פאַקטיש צו די שטום בודקעס און געבן אָפּ זייער לעגאַלע שטימע.

**די איין און איינציגסטע זאַך אויף וואָס**

**אין די פּאָליטישע וועלט איז דאָ איין וואַלוטע, איין מטבע עובר לסוחר. דאָס רופט זיך "אַקטיווע ווילער". שטים -באַרעכטיגטע בירגער וועלכע גייען פאַקטיש צו די שטום בודקעס און געבן אָפּ זייער לעגאַלע שטימע.**

**די איין און איינציגסטע זאַך אויף וואָס "יעדער ערוועלטער באַאַמטער" קוקט דורכאויס זיין גאַנצע קאַדענץ, איז "וויפיל אַקטועלע שטימען זענען אַרויסגעקומען פון דעם געגנט"!**

**ס'איז וויכטיג צו באַטאָנען: אַ געגנט וועלכע האָט נישט קיין אַקטיווע ווײלער, האָט על פי דרך הטבע נישט קיין שום שאַנס צו באַקומען סיי וועלכע טובת הנאה פון סיי וועלכע פּאָליטיקאַנט נישט קיין חילוק פון וואספּארא פארטיי ליניע מען זאל נישט זיין! ווייל זיי ווייסן אַז זיי האָבן פון דעם מקום גאָרנישט צו ערוואַרטן ביי די קומענדיגע געלעגנהייטן. זיי ווייסן אַז די איינוואוינער קומען סייווי נישט אַרויס שטימען.**

**"יעדער ערוועלטער באַאַמטער" קוקט דורכאויס זיין גאַנצע קאַדענץ, איז "וויפיל אַקטועלע שטימען זענען אַרויסגעקומען פון דעם געגנט"!**

פאַר זיי איז נישט צופיל נוגע פאר וועמען די געגנט האָט למעשה געוועלט, און אויב יענער האָט געווינען דעם פאַרמעסט. **דער עיקר אויף וואָס זיי פאָקוסירן איז אויב דער געגנט פאַרמאָגט "אַקטיווע ווײלער" וועלכע נוצן אויס זייערע שטים רעכטן און גייען אַרויס שטימען בפועל,** האט ער כאטש א שאנס צו באקומען פון די ווײלער א טובת הנאה לשנה הבאה ביי די קומענדיגע וואלן און זיי פאטענציעל משכנע זיין צו שטימען פאר אים.

ס'איז וויכטיג צו באַטאָנען: אַ געגנט וועלכע האָט נישט קיין אַקטיווע ווײלער, **האָט על פי דרך הטבע נישט קיין שום שאַנס צו באַקומען סיי וועלכע טובת הנאה פון סיי וועלכע פּאָליטיקאַנט נישט קיין חילוק פון וואספארא פארטיי ליניע מען זאל נישט זיין!** ווייל זיי ווייסן אַז זיי האָבן פון דעם מקום גאָרנישט צו ערוואַרטן ביי די קומענדיגע געלעגנהייטן. זיי ווייסן אַז די איינוואוינער קומען סייווי נישט אַרויס שטימען.

## אין חכם כבעל נסיון - מבשרי אחזה!

דאָס האָבן מיר זיך אליינס איבערצייגט **דאָ ביי אונז אין שטאָט, אַז בלויז אַדאַנק דעם וואָס תושבי העיר האָבן זיך פאַראייניגט מיט דעם הערליכן כח פון "בלומינגראוו באחדות" ביי די פאַרלאָפענע עלעקשאָנס, דאָס האָט אָפּגעקלינגען אין די גאָר הויכע פענסטער ביז אָלבאַני,** אַזש אַז ביי סיי וואָס פאַראַ טובות מיר האָבן געדאַרפט האָבן, האָבן מיר ב"ה געהאַט אַ זעלטענע אוזן קושבת, למעלה מן המשוער.

**געוויס איז דאָס אַלעס צו פאַרדאַנקן די סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט אונזער הייליגע שטאָט מיום היוסדה,** אָבער בדרך הטבע ווייסט יעדער פּאָליטישאָן אַז אין "ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו", איז פאַרהאַן אַקטיווע ווײלער וועלכע טוען צו דער זאַך. **דאָס איז אַ קראַנטע וואַלוטע וואָס יעדער פּאָליטישאָן האָט דערפאַר דרך ארץ, ווייל די ציפערן רעדן פאַר זיך אליינס!**

**דורכאויס די פאַרלאָפענע עלעקשאָנס סעזאָנען האָבן בלומינגראווער איינוואוינער געצייגט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַז מיר זענען דאָ בלויז פאר איין תכלית, פאר אונזער אייגענע טובה!**

ביי די פאַרגאַנגענע וואַלן זענען עטליכע מאָל אינדאָרסירט געוואָרן קאַנדידאַטן פון ביידע פּאַרטיי ליניעס, און דער ציבור תושבי העיר האָט געשטימט "בלויז" פאר די אינטערעסן פון בלומינגראוו המעטירה, אָפּגעזען אין די פּאַרטייאישע אפיליאציע פון דעם קאַנדידאַט, **ווייל אין בלומינגראוו מיינט מען ביזנעס, און ביזנעס באַדייט ווער עס דעליווערט פאר אונזער וואוילזיין!**

אָט דאָס האָט טאַקע געהאַט אַזאַ אומגעהויערן אָפּקלאַנג, סיי לאָקאַל, סיי ביי די קאַונטי, און סיי ביי די סטעיט, אזש ביז אויף א פעדעראלן לעוועל פאר אונער לאקאלן דיסטריקט, ווייל יעדער פּאָליטישאָן קוקט אויף די אויסגאַנג! **זיי ווייסן אַז אין בלומינגראוו איז פאַרהאַן אַ מאַסיווע ווײלער באַזע וואָס קומען אַרויס אין די מאַסן צו די שטום בודקעס!**

■ ■ ■

## לא עת לחשות!

ס'איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אַז די יעצטיגע עלעקשאָנס זענען למעשה דעצידירנד אויף אַזויפיל וויכטיגע פּאָזיציעס. עס וועט צעמענטירן אונזער עתיד אָנגעהויבן פון דעם העכסטראנגיגן סטעיט לעוועל און ווייטער אַראָפּ ביז די לאָקאַלע טאַון און קאַונטי באַאַמטע! **מיר קענען זיך בשום אופן נישט ערלויבן צו פאַרפאַסן אַזאַ געלעגנהייט.**

צומאָל ערוועלט מען טאַקע אַ פּאָליטישאָן אָבער דערנאָך בלייבט נאר איבער צו האָפן אַז מען וועט טאַקע געניסן אַ טובת הנאה פון דעם אויסוואַל... <u>אַנדערש איז אין דעם פאַל</u>

**אַנדערש איז אין דעם פאַל ווי בלויז דאָס עצם גיין שטימען, דאָס אליינס ברענגט אונז שוין די גרעסטע טובת הנאה! דאָס איז אונזער בעסטע רעזולטאַטן!**

**ס'איז נישט קיין שום אונטערשייד ווער ס'איז אייער קאַנדידאַט און אויב יענער וועט געווינען! ווייל אין אַלע פּאָליטישע קאָרידאָרן אין וואשינגטאן, אין די סטעיט און אין די קאָונטי וועט מען געדענקן בלויז איין זאַך: וויפיל שטימען זענען אַרויסגעקומען פון אונזער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו ? וויפיל שטים באַרעכטיגטע ווײלער האָבן אָפּגעגעבן זייער שטימע?!**

**ווי בלויז דאָס עצם גיין שטימען, דאָס אליינס ברענגט אונז שוין די גרעסטע טובת הנאה! דאָס איז אונזער בעסטע רעזולטאַטן!**

ס'איז נישט קיין שום אונטערשייד ווער ס'איז אייער קאַנדידאַט און אויב יענער ווער געווינען! ווייל אין אַלע פּאָליטישע קאָרידאָרן אין וואשינגטאן, אין די סטעיט און אין די קאונטי ווערט מען געדענקן בלויז איין זאַך: **וויפיל שטימען זענען אַרויסגעקומען פון אונזער ווילעדזש אָון סאַוט בלומינגראוו ? וויפיל שטים באַרעכטיגטע ווײלער האָבן אָפּגעגעבן זייער שטימען?!**

בעזרת השם אין אָט די פראַגע ווערט זיין אָנגעוויזן אונזער גאַנצע עתיד, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, אויף די קומענדיגע פיר יאָר!

**מעגן מיר דאָס פאַרשפּילן?!**

■ ■ ■

## אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשיו אימתי?!

בעפאָר אַזאַ קריטישע מאָמענט קומען מיר אַלזאָ אַרויס מיט אַ האַרציגן געבעט, צו אחי ורעי, אונזערע טייערע ברודער און שכנים, תושבי עירינו המעטירה - **כי בנפשינו הדבר!**

ס'איז פאַרשטענדליך אַז ס'איז פאַראַן פאַרשידענע קעגנזייטיגע מיינונגען ביים היימישן ציבור אַנבאַלאַנגט פאַרשידענע פּאָזיציעס, אָבער דאָס איז אַמאָל זיכער אַז יעדע שטימע האָט אן אומגעהויערן ווערד וואָס מען קען אפילו נישט שילדערן גענוג!

**יעדער רעגיסטרירטער איינוואוינער "מוז" אָפּגעבן זיין שטימע! אונזער ווילעדזש אָון סאַוט בלומינגראוו דאַרף אַרויסברענגען אַ מאַקסימום שטימען!**

**יעדער רעגיסטרירטער איינוואוינער "מוז" אָפּגעבן זיין שטימע! אונזער ווילעדזש אָון סאַוט בלומינגראוו דאַרף אַרויסברענגען אַ מאַקסימום שטימען!**

**מאַכט אייער אייגענעם אויסוואַל לויט אייער פאַרשטאַנד, שטימט פאר וועלכע פּאַרטיי און קאַנדידאַט איר שפּירט פאר ריכטיג, אָבער ביטע שטימט!**

**מאַכט אייער אייגענעם אויסוואַל לויט אייער פאַרשטאַנד, שטימט פאר וועלכע פּאַרטיי און קאַנדידאַט איר שפּירט פאר ריכטיג, אָבער ביטע שטימט!**

**מיר קענען עס נישט נעמען פאר לייכט ווייל דאָס איז אונזער פשוט'ע חיוב השתדלות כלפי שמיא פאר דעם עתיד פון אונזער רוחניות און דער עתיד פון אונזער גשמיות!**

פאַר סיי וועלכע אינפאָרמאַציע אַנבאַלאַנגט "עבסענטי" בעלעטס" אָדער "עירלי" וואוטינג" שפּירט אייך באַקוועם צו אַריינרופן אין אָפיס פון UJC אויף 845.237.4828 וואו מיר שטייען גרייט צו ענטפערן אַלע אייערע פראַגעס און אייך אַרויסהעלפן מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן ווי שטענדיג.

אין דעם זכות פון אונזער מינימאַלע פעולה צו העלפן דעם גאַנצן ציבור און בעיקר זיך אליינס, ווערט אונז זיכער ווייטער שענקן און אַלעמען ווייטער באַגלייטן מיט הצלחה וסייעתא דשמיא צו קענען לעבן במנוחה ובשלוה, ותטה לב המלכות עלינו לטובה. אמן.

**מיר גייען אַלע שטימען למען עתיד עירינו, למען עתיד דורותינו!**
**מיר גייען נאָכאַמאָל ציגן דעם כח פון "בלומינגראוו באחדות"**
**מיט אַ פאַראייניגטע ווײלער באַזע! איש בל יעדר!**

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**


ווי עס שרייבן צו אייך מיט שעצונג און ערוואַרטונג

## יצחק עקשטיין – יואל שטערן

אין נאָמען פון די פאַראייניגטע אידישע אָרגאַניזאַציעס
פון ווילעדזש אָון סאַוט בלומינגראוו



BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949